STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05440

NIT KEYN SAKH

Ab. Abelson

Permanent preservation of this book was made possible
by Emily & Frank Tall
in honor of
Martin & Faye Tall

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ניט קיין סאַך

אבע אבלסאָן

ניט קיין סאך:



פאַרלאַג „אידיש"
ניו. הייווען קאנ.
1941

Copyright 1941
By
AB. ABELSON
656 Washington Avenue
New Haven, Conn.

209

שער־בלאַט — ל. סאַפּרין

גערזעצט: י. בוראַקאָוו   צעבלעטערט: דוד סעלצער

געדרוקט אין דער פּראָמפּט פּרעס, 113 פּערטע עוועניו, ניו יאָרק, נ. י.

ליד דו מיין:

דיין גורל —

אַ בוים אין מיטן מידבאַר;

אַ גראָז אין שפּאַלט פון פעלז.

מיין אומרו

איך בין פון איינזאַמקייט געפאַנגען.
אין מידבאָר ברומט אין ווינט אַ בוים, —
עלנט זיינען אויך די קאָרן-זאַנגען,
זיי זינגען אוים צום הימל דעם פאַרגיין.

איך וויל ניט קיין סאַך

איך וויל ניט קיין סאך:
איבערן קאָפּ א דאך,
דעם גאָרטן פארזייט,
אין קאסטן א ברויט,
דעם נייסטן בוך,
אַן אנשטענדיק שוך,
אַן אָוונט פון פרייד,
אַן לעבער א קלייד.

דאָס, און נאָך א זאך,
איך וויל ניט קיין סאך.

מיין פּאָטרעט

נאָך אַלס קינד האָט מיך די נויט געהאַלטן אין איר שויס,
ניט אָפּגעלאָזט פון זיך קיין איינציקן שפּאַן.
איך האָב פיל יאָרן איינגעשלונגען, בין געוואָרן גרויס
און די נויט שפּילט נאָך אַלץ מיט מיר זיך ווי אַ קלאָון.

דורך וועלט, מיין לעבן פליסט זיך שנעל ווי אַ וואַסערל צום יאַם:
אין שטילקייט און אין שטורעם־קאַמף, צווישן ליכטיקייט און טונקל.
אַ בילד — קאָלירפולע פאַסירונגען מיט פּופּציק יאָרן ארומגעצאַמט —
קיבאָטיש אַ באַפליגלטער שטיי איך אַף דעם אין ווינקל.

מיין אומרו

מיין אומרו, ווי א ווילדער פערד,
לאָזט ער זיך ניט צאַמען —
יאָגט ער זיך אויף גאָר דער ערד.

מיין אומרו, ווי א ווילדער פערד,
מיין פאַרזייטן גאָרטן ער צעשטערט,
מיך פאַרצערט אין פלאַמען.

מיין אומרו, ווי א ווילדער פערד,
לאָזט ער זיך ניט צאַמען.

האַרץ און געדאַנק

האַרץ און געדאַנק — לירע און שווערד.
אויג — יאַם אָן גרונט און אָן ברעג —
יאָגט זיך דער שווערד איבער דער ערד.

האַרץ און געדאַנק — לירע און שווערד.
דער יאַם, די רו מיר צעשטערט,
די לירע, שניידט ווי אַ זעג.

האַרץ און געדאַנק — לירע און שווערד:
אויג — יאַם אָן גרונט און אָן ברעג.

קאַן איך ניט דעם הימל גרייכן

אויבן הימל, ערד פון אונטן —
דער מענטש, אַף ערד מיט טראָט געזונטן,
נאָר מיך, צום הימל ציט.

קאָן איך ניט דעם הימל גרייכן,
טרעט איך ניט אַף ערד —
שוועב איך אום צווישן הייכן.

קאָן איך ניט דעם הימל גרייכן —
איך שטייד אין רוים, ווי א שווערד.

וואוהין ווייטער?

עס פרעסט די באַן שנעל די מײַלן
און מײַן לעבן שלינגט די טעג;
מיר ביידע יאָגן אין גרויס אײַלן —
צו דעם סאָף פון אונדזער וועג.

עס יאָגט די באַן — שטאָט אײַן, שטאָט אויס —
אַט איז שוין די לעצטע שטאָט;
וואוהין ווייטער? די באַן ווייס,
און איך בלייב אַף גאָט׳ס באַראָט.

דער אומרו פון ניו־יאָרק

די אומרו פון דער שטאָט ניו־יאָרק, איז אריין אין מיין בלוט —
מיינע פּיס העלפן פאַרהאַרטעוועז, אירע צעמענטן, און אַספאַלטן.
מיינע הענט, דרייען צו נאָך אַ שרייפעלע צום אומרו,
מיין געדאַנק — אַ קליין שפּינדעלע אין ראָד —
דריי איך זיך, מיט אַלץ און מיט אַלעמען, אין ווירבלדיקן קאַראַהאָד.

ניו־יאָרק, זאָג!

ניו־יאָרק, זאָג! בענקסטו ניט נאָך האיעוואטעס צייטן?
ווען דיין פּאָנים, איז געווען גרינער וואַלד,
דיינע וואסערן — א "קאַנו" האָט דורכגעשניטן;
אויף דיין בוזעם — נאַטור־מענטש האָט געריטן,
און אַף דיינע הייכקייטן — דער בלויער פויגל האָט געשאַלט.

הייב אויף דיין אויג

הייב אויף דיין אויג און זע:
א וואָלקנדל שווימט אום.
נייג דיין אויג אראָפּ און זע:
א שאָטן שלייכט ארום.

שווימט דער וואָלקן אין דער הייך,
לייזט זיך אויף אין טרערן —
קריכט דער שאָטן אַף דער ערד
און וועט באלד ניט ווערן.

מיין אויג האָט היינט געזען

מיין אויג האָט היינט געזען דעם סאָד פון ווערן,
אין ווערימל, וואָס גלעט זיך צו דער ערד
און אין דער הייך, אין אויפבליץ פון אַ שטערן,
אין קערנדל, וואָס פון דער ערד עס יערט.

כ'האָב היינט דעם סאָד פון לעבן טיף פאַרנומען —
פון דער טיפעניש, דעם טויט האָב איך דערשפּירט.
דורך בלוט, איך זע די נייע דוירעס קומען.
ס'האָט דער גאָט פון וועלט־באַשאַף מיך היינט באַרירט.

נאָר שטיקעלעך ערד

מיר זיינען דאָך אַלע נאָר שטיקעלעך ערד,
איז איינער אַ שטאַרקער, זיצט ער אויפֿן פֿערד;
דער צווייטער — אַ שטילער, האָט ער קיין ווערט
און מיר זיינען דאָך אַלע נאָר שטיקעלעך ערד.

מיר זיינען דאָך אַלע נאָר שטיקעלעך ערד —
איז איינער אַ רייכער, האַלט ער אַ שווערד,
איז דעם וואָס איז אָרעם, צו קעמפֿן באַשערט,
און מיר זיינען דאָך אַלע נאָר שטיקעלעך ערד.

מיין כאַוועך — דער קלוגער געדאַנק

זיצן מיר אין אַ ווינטער־אָוונט אַזוי,
אין ווינקל, באַם טישל, אין דער קאַפּיי —
טרינקען צוזאַמען, אונדזער געטראַנק:
איך און מיין כאַוועך — דער קלוגער געדאַנק.

איך טרינק און טראַכט פון דער וואָס איז מיר טייער —
ווערט אין מיין ברוסט נאָך שטאַרקער דער פייער,
פרעג איך — ווי קאָן איך דעם פייער פאַרלעשן?
ענטפערט מיין כאַוועך — דאַרפסט זי פאַרגעסן.

ריים איך זי אַרויס פון האַרצן באַ מיר,
לאָז זי אין דרויסן און פאַרקלאַפּ די טיר;
וועט זיך שוין איצט מיין דורשט איינשטילן?
וועט זיך שוין איצט דער פייער אָפּקילן?

נאָר ניין, מיין כאַוועך פאַרראַט מיך גאָר,
ער זיצט און גלעט אירע שוואַרצע האָר —
איז מיר צו טאָן איין זאַך פאַרבליבן,
האָב איך מיין כאַוועך פון זיך פאַרטריבן.

בלייב איך אַליין, אָן מיין כאַוועך־געדאַנק,
ווער איך פאַרטעמפּט, ווער איך גייסטיק קראַנק,
זוך איך מיין כאַוועך און האָב אים דערזען:
כאַפּ אים און שריי — זאָל שוין זיין ווי געווען.

איך נעם מיין געדאַנק

איך נעם מיין געדאַנק, און וואַרף צו די הימלען,
זאָל ער זיי פאַרכמאַרען;
און ווי אַף מיין מויעך, זאָל ער הענגען שווער
און פאַרוואַנדלט ווערן —
אין טרערן.

איך נעם מיין וואָרט און וואַרף צו די וואָלקנס —
זאָל עס זיי צעבליצן;
און ווי אין מיין ברוסט, זאָל דער שטורעם קראַכן
און אַף אַלע וועגן
גיסן רעגן.

איבער די וועגן לאָז איך זיך אַוועק וואַנדערן

איבער די וועגן לאָז איך זיך אַוועק וואַנדערן.
אויף מיינע פּלייצעס אַ פּאַק —
מיט טעג און נעכט.
אין האַנט אַ האַק.
איך וועל אַפּן וועג,
מיינע טעג און נעכט אַף פּיצעלעך צעשפּאַלטן:
זיי אונטערזוכן,
פאַנאַנדערקלייבן,
צעטיילן.
די שלעכטע, וועל איך וואַרפן אין די טיפסטע טהאָמען.
די גוטע —
אויף בערג און טאָלן פלאַנצן.
וועלן אויפגיין, זיך צעבליען און צעוואַקסן —
טעג ליכטיקע,
נעכט רואיקע,
מאָרגנס רויטע
פון מיינע טעג און נעכט —
פאַרזייטע.

איך לאָז זיך אין וועג

פינף און צוואַנציק טאָלער איז מיין געלט פאַרמעג:
אַן אַלטע „שעווי" פאַר פופצן איך קויף;
מאַך לויז מיינע שטריק און לאָז זיך אין וועג,
דורך בערג און דורך טאָלן איך טראָג זיך און לויף.

וויקל איך טעג אַרום ערד אַרום —
שלינג וועלדער און טייכן אין רויט־בלאָען רוים, —
יאָגט זיך מיין „שעווי" מיט האַסטיקן ברום,
ווייטער און ווייטער אַוועק פון מיין היים.

פון מיזרעך צו מייֶרעוו די זון גליטשט זיך אין לופט
אַף סאַפּלאָזע וועגן איך שלייך זיך אַף ערד,
אַ שטימע אַ ווייטע פון ערגעץ וואו רופט;
קלינגט אָפּ אַן עכאָ: „לעבן האָט נאָך אַ ווערט."

יאָג איך אַוועק פון אַטלאַנטיק מיין בליק —
טראָגט מיך מיין הארץ צום פּאַסיפישן ברעג;
איך בין שוין אינגאַנצן באַפרייט פון די שטריק,
פריי ווי די זון און אָן ציל איז מיין וועג.

צו דיר

דו ביסט מיין אָנהייב, און ביסט מיין סאָף —
דו גיסט מיר רו, און רויבסט מיין שלאָף;
דו ביסט מיין טרייסט, און אויך מיין צאַר,
דו גיסט מיר שוץ, און אויך געפאַר.

פֿון העלן פֿרימאָרגן ביז נאַכטיקן שפּעט

ווי באַם אָמעד, טוט בעטן דער פֿרומער באַל־טפֿילע,
ווי אין מידבאָר, עס מורמלט דער בלייכער אַסקעט,
טו איך מיר זינגען, די לידער, די שטילע,
פֿון העלן פֿרימאָרגן, ביז נאַכטיקן שפּעט.

ווי עס דורשטן די גראָזן אין היצן נאָך רעגן,
ווי דער וואַנדערער, זוכט אַן אָפּענע טיר —
זוך איך און דורשט, אויף די איינזאַמע וועגן,
די פֿאַרבאָרגענע שטעגל וואָס ציט זיך צו דיר.

ברענג צו מיר דיין העלן זומער

ברענג צו מיר דיין העלן זומער,
כ'וועל אים מיט מיין הארבסט פֿאַרמירן.
שיין איז די זומער־פֿויגל,
מיט די הארבסטיקע קאַלירן.

אַ בוים אין הארבסט בין איך, איך ציטער.
דו שטייסט געבונדן — אַ צייטיק גאַרב.
דו ציסט מיך ווי די זאַנג דעם שניטער,
און גאַנצסט מיך ווי דעם סטראָף — דער ווערב.

איך בין אַן דיר

איך בין אָן דיר:
אַ צווייַג אָפּגעריסן פֿון איר שטאַם,
אַן אַרויסגעריסן בלאַט פֿון בוך,
אַ כוואַליע אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דעם יאַם,
אַ וואָלקן־ברוך —
בין איך אָן דיר!

ווי אַן אָפּגעהאַקט בוים

דיין פּאָנים פול כיין —
אין רויט אָנגעטאָן,
געשטראַלט ווי די זון פון איר טראָן.
פאַר דיין ליבע צו מיר
קעמפן בין גרייט,
אַזוי ווי פאַר אונדזער רויט־פאָן.

כ׳האָב געבראַכט דיר אַהיים —
ביסט פאַרשוואונדן אין רויט.
פאַררינגלט פון מיר, האָסטו דיין טיר.
ווי אַן אָפּגעהאַקטער בוים,
לעבן א פּלויט —
געבליבן בין איך וואַרטן אויף דיר.

מיינע קאָלירן

קאָלירן פֿאַראַנען אַלערליי,
מיר געפֿעלן נאָר די צוויי:
רויט — קאָליר פֿון האַרץ,
דיין פּנים — בענקשאַפֿט־שוואַרץ.

שוואַרץ איז אויך אונדזער ברויט —
אונדזער פֿאָן פֿון זיג איז רויט.
קאָלירן פֿאַראַנען אַלערליי,
מיינע זיינען נאָר די צוויי.

מײַן שװעל איז געבליבן אומבאַטראָטן

איך האָב אַ גאַנצן טאָג נעגרייט זיך װי אַ כּאָסן פֿאַר זײַן כּלה.
דער שאַרפֿער מערץ־װינט האָט געיאָמערט — אומעט האָט פֿאַרשפּרייט.
אין אומרו שטאַרק געציטערט האָבן אַלע מײַנע גלידער.
מיטן זײַנער האָב איך געיאָגט דעם טאָג װעלכער פֿאַרגייט.

געשלאָגן האָט די פֿינפֿטע שעה — די צײַט װען דו דאַרפֿסט קומען.
דער בײַן־האַשמאַשעס איז צעגעפֿאַלן רױט און יאָמיק־בלאָ.
איך האָב אָנגעצונדן ליכט, אַ פֿרײלעך ליד גענומען זינגען —
אַ פֿרייד אַרומגענומען האָט מײַן צימער, פֿאַרשװאונדן איז די קראָ.

פֿון האָריזאָנט איז די נאַכט אַרויס, דעם טאָג אײַנגאַנצן אײַנגעשלונגען.
פֿון מעטראָפּאַליטן דער טורעם האָט אויסגעקלונגען אַכט.
מײַן שװעל איז געבליבן אומבאַטראָטן — דײַן עכאָ נאָר האָט אָפּגעקלונגען
און דער רופֿן פֿון מײַן בענקשאַפֿט האָט דער קראָ צוריקגעבראַכט.

פריי ווי אַן אָדלער אַרויספליען

דעם האַז שרעקן וועגן ברייטע —
ער לויפט צוריק צום ענגן קוסט;
מיט שרעק פאַר האָריזאָנטן רויטע,
אין דיין קליין וועלטעלע דו רוסט.

רופן דיך איז ניט קיין פולע —
מען בעט ניט די בלום זי זאָל בליען;
דאַרפסט אַליין אויסשאַלן דיין גאולע,
פריי ווי אַן אָדלער אַרויספליען.

אַז דו וועסט אַמאָל

אַז דו וועסט אַמאָל
בלייבן זיצן אין טאָל —
געבונדן אין שטריק —
און וועלן קומען צוריק,
שיק צו דעם האָז,
פון טיף גרינעם גראָז,
די וואַסערלעך — ריינע,
דורך די בערגעלעך — קליינע,
שיק צו דעם גריל,
פון בלום דעם מאַטיל,
דעם הודזשענדיקן בין,
דורך דעם וועגעלע — גרין, --
זיי גלויבן וועל איך
און קומען אויף גיך,
באַפרייען פון בייזן,
און דיך אויסלייזן.

גיב מיר שאַען

איך האָב שוין פּיל טעג,
פּיל נעכט,
פּיל יאָרן —
אומעטיקע, בענקענדיקע, גראָע ;
איצט וויל איך שאָען —
גיב מיר שאָען ליכטיקע,
שאָען זוניקע,
שאָען זינגענדיקע.

דערמאָנונג

דער ווינטער איז שוין באַלד פאַרביי,
ער גאַלאָפּירט מיט שנעלע טריט;
קומען וועט דער גרינער מאַי,
גראָז און בלום און פרילינג־צוויט.

נעדענקסטו יענעם „מיזרעך־באַרג", —
וואָס שטעכט אין הימל ווי אַ שפּיז;
די נאָדל־ביימער הויך און דאַר,
און דעם „שלאָפּעדיקן ריז"? *)

פעלד און וואַלד און מיר נאָר צוויי,
פאַרגעסן אַף דער וועלט אַרום:
דורך בערג און טאָלן אין געדריי,
דורך פויגל־טרעל און בינען־זשום.

פלעגט אינגאַנצן טונקל ווערן,
ליכט אין יאַם האָט זיך דערטרונקען —
אין הימל האָבן גענומען בליען שטערן,
אין שטילקייט פלעגן מיר איינזינקען.

דערנאָך גענומען ווידער יאָגן,
פּאַזע ברעג צום יאַם געקומען;
כוואַליעס אָן שטיינער זיך געשלאָגן,
פרום מיר האָבן יאַם פאַרנומען.

---

*) אַ באַרגן-קייט אין קאָנעטיקוט.

דערציילט זיך מאַיסעלעך פון ריזן:
פון רוכעס אין אַ פעלזן־שפּאַלט,
פון קאַזאַקן מיט שאַרפע שפּיזן,
פון דער פרייהייט וועלכע שאַלט.

מורמלען כוואַליעס פון דעם יאַם דעם אַלטן,
די שאָען פאַרלאָפן ווי איין מינוט,
נעמט דער טאָג דעם הימל שפּאַלטן,
דער מיזרעך גיסט זיך אָפּ מיט בלוט.

„אינדיען וועל" *) דאַרף מען דערמאָנען —
דעם טיפן ריס אין ליב פון ערד,
באַהאַלטן פלעגן מיר זיך קאָנען
פון אויגן, וואָס שניידן ווי אַ שווערד.

שווער אָן יענער צייט פאַרגעסן —
אין אונדזער גרויסער שיינער שטאָט:
ווען דו ביסט אָפּ איר שוים געזעסן,
און איך מיינע פליגל האָב געהאַט.

---

*) אינדיאַנער קוואַל.

צו אייך, מיינע נאָענטסטע

ווייט בין איך פון אייך, מיינע נאָענטסטע:
אין מיין געדאַנק איך טו אייך שטענדיק טראָגן, —
ווען שטאַרקער נאָך די שטורעמס בושעווען,
וועלן זיי ניט קאָנען מיך פון אייך פאַריאָגן.

צו אַ געבורט־טאָג

(12טן יולי, 1941)

דו שטייסט בא דער גרענעץ פון זעקס און דרייסיקסטן יאָר,
כ׳בין געווען דאָרט מיט אכצן יאָר פריער.
ס׳הארבסטן זיך זומערס, ס׳קומען ווינטערס קאַלט, בייסיק.
די וועלט, האָט נאָך יאָרן אָן א שיר.

עס וועבן זיך טעג, אין כאַדאָשים און יאָרן
און זיי כאַפּן אריין אונדז אין זיך.
מיר רייסן זיך אוים — ווי נייַ־געבאָרן,
שפּאַנען פריידיק, צום לעבן גיך!

אז עס פארשטעלן אונדז דערנער דעם וועג,
און דעם הימל פאַרשווארצט אונדז די קראָ,
צעבליצן מיר אונדזערע פריידיקע טעג,
פריי ווערט דער וועג און דער הימל ווערט בלאָ.

מיין טאַכטער כאַיקע

צוויי אַפּבליצן פון בלאָען פרימאָרגן הימל —
דיינע אויגן.
אַ רויט פייערדיקע זון —
דיין האַרץ.
אַן אומרואיקע,
אַ האַסטיקע,
פייל פון בייגן!
ניט הויך ביסטו, נאָר גרויס.

ציסטו לידער פון קלאַוויר:
טענער — מיט פינגער אַרויסקלאַפּן.
שטורעם־לידער פון קלאַוויר —
די שטאַרקסטע בלייבט אין האַרץ ביי דיר.

שווימסטו אום אין גרויסן יאַם:
— שעקספּיר, לאָרד בייראָן, שעלי —
ברוויזיק־טיף!
שווימסטו אום אין גרויסן יאַם —
פאַראַנקערסט אָבער אַף דעם קליינעם אינדזל פון דיין שטאַם.
שטאָלץ דו זינגסט דיין ליד אַף אידיש.

מייערקע מיין זון

דיין זיידע שטייט שוין אפֿן שוועל,
איך ראַנגל זיך אין מיטן;
דו, באַם אָנהייב פֿון דעם מאַי,
אַ קנאָספּ וואָס טוט ערשט בליִען.

איך צי פֿון זיידן די גראָע האָר,
דו ציסט פֿון מיר די בלאָנדע;
אַבציק זומערס שיקט דער זיידע —
דורך מיר, צו דיר, אָפּ — רונדע.

דיין זיידע איז געפֿאָרן אַף אַ פֿערד
און איך יאָג אין אַן אָטאָ.
פֿאַר דיר שטייט גרייט אַן עראָפּלאַן,
אין קאַמף, פֿאַר יאָרן זאַטע.

איך ווייס

(איצקען)

איך ווייס, מיין מאָטיוו מאָנאָטאָן איז געבאָרן,
טענער צום זינגען האָב איך ניט קיין סאַך.
די ערד ניט אויך שטענדיק די זעלביקע קאָרן,
די טרעלן פון פויגל איז דאָך אויך איינפאַך.

איך ווייס, מיין פונק וועט דעם פאַקל ניט צינדן,
עס וועט ניט באַלייכטן די טונקעלע היילן.
דער טאָג קאָן פון וואָך זיך ניט ארויסבינדן,
דער דעמב קאָן פון קאָרע זיך ניט ארויסשיילן.

איך ווייס, מיין ליד פאַרברענט מיין אייגענעם שייער.
מיין וואָרט שלאָגט צוריק ווי אין אַ זאַל וואָס איז פוסט.
די שמעטערלינג פליט פריוויליק אליין צו דעם פייער,
און דעם קינד ציט צום שטעכיקן קוסט.

סאָנעט

(מעינקען)

אויפגעבליצט האָסטו פאַר מיר, מיין כאַוועך,
מיט וואַרעם האַרץ און מויעך שאַרף ווי פייל.
אָפּגעפּיילט האָסטו פון מיר דעם זשאַווער —
כ׳האָב אויפגעלויכט צוריק ווי פייער־זייל.

כ׳האָב אין דיר דערשפּירט מיין אייגן שטורעם,
מיין קאָכיק האַרץ אין דיר האָב איך דערקענט —
זיינען מיר געגאָסן פון איין פורעם,
פון ליידנשאַפט די זעלביקע נעברענט.

ביידע זיינען ווי דער „סנה" דער דאָרן,
פלאַמיק ברענען און ווערן ניט פאַרברענט.
אונדז באַזיגן ניט קיין צייט און יאָרן,
ניט שאָטענען אונדז וועלן הויכע ווענט.

ווען ליכט — פינצטערניש וועט נעמען סאַמען,
וואַרפן וועלן מיר זיך אין די פלאַמען.

ברודער מיינער

ברודער מיינער —
געשטראַלט האָט איבער אונדז, די פּאָן פון עמעס.
געזען האָט דיין אויג דעם נאָווים זעאונג:
„און עס וועט זיין אין סאָף פון די טעג."
און איצט?
צו דיין האַס און פינצטערניש איז ניטאָ קיין ברעג.

ברודער מיינער —
באַלויכטן אונדז דעם וועג האָבן די צוויי גרויסע פייער־זיילן:
מאַרקס און לענין —
דעם וועג, דעם באַוואוסטזיניקן, דעם איינציקן.
און איצט?
עס פירן דיך די אייביקע אָפּנאַרער,
קעגן דיינע ברידער, דו ציסט דעם שווערד.

ברודער מיינער —
די קאַרשן־בוים האָט זיך צעפרייט מיט האָפענונגען העלע.
די ערד יערט מיט ברויט!
פאַר דיר —
שוואַרצן בלוטיקע קעפּ פון צייטונגען, ליגנערישע, געלע —
שוטפים מיט דעם טויט.

ברודער מיינער —

מיר קעמפן איבער דער גאָרער וועלט, דעם קאַמף פאַר פעלקער־פרידן.

דעם קאַמף — פאַר ליכט און ליד און זאַט.

און דו?

לויפסט אונדז נאָך, מיט אַלע דעמאַגאָגן און פאַררעטער

און שרייסט: „פאַרראַט!"

ברודער מיינער!

קום באַהאַלט זיך אין מיין האַרצן, גאָט!

קום, באהאלט זיך אין מיין הארצן, גרויסער גאָט!
מיין הארץ איז שטארק גענוג דיך צו באשיצן —
אָפגעמעקט האָט מענטש דעם „לא" פון דיין געבאָט,
וועט ער אויך דיך פון טאָוול אראָפּקריצן.

קום, באהאלט זיך אין מיין הארצן, שטארקער גאָט!
אויסגעלאָשן אין מיין הארצן איז דאָס ליכט,
כאָרעוו האָט דער מענטש געמאכט זיין אייגן פעלד און שטאָט,—
דער כורבן וועט ניט אויסמיידן אפילע דיך.

קום, באהאלט זיך אין מיין הארצן, אייביקער! —
פארהארטעוועט מיין הארץ איז ווי א קיזל־שטיין;
מענטש צעפלאָמט דעם הימל און דו ליגסט אין שטויב,
דיין באהעלטעניש א סאָד וועט זיין פאר מיר אליין.

אויפֿן טויט פֿון אַ כאַווער

פֿאַרגייענדיקע פֿריינט, דאָ און דאָרט;
עס שיינט שוין מער פֿאַר אייך ניט אונדזער זון,
דאָך זע איך אייך מאַרשירן אויף דער ערד
און הער נאָך קלינגען אייער ליכטיק וואָרט.

קום, מוישע לייב, זינג פֿאַר אונדז אויס נאָך אַמאָל —
דיין „גריזעלי דער בער״.
ברענג מיט דעם „גאַסן־פּויקער״,
זאָל ער אויספּויקן אונדזער שאַנד און שטער
פֿון דער „זוינע אונדזער פּירערשאַפֿט״.

און דו, בערטשינסקי, אונדזער דאָקטער־פֿריינט —
הייל מיך, מיט דיינע מאַיסעלעך פֿון פּינסק,
באַצאָלן וועל איך דיר, מיט רופֿן נאָך אַ מאָל,
און מיט דער פֿרייד:
— וואָס דיין פּינסק און מיין דאַלהינעוו
אריינגעריטן האָבן אין מינסק.

פֿאַרגייענדיקע פֿריינט, איך האָב אייך ניט פֿאַרגעסן.
פֿאַר דער וועלט איר זייט שוין טויט.
פֿאַר מיר?
לעבעדיקע אין קאַמף איר שטייט.

ראָבערטאָ

מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען — נעהאַמערט, געשניטן,
זוניקע טעג אויף דער ברויט פאַרביטן;
ווענט אויפגעשטעלט און אויף זיי הייך געקראָכן,
יעדער טאָג האָט אַ שטראַל פון אונדז אָפּגעבראָכן.

איין מאָרגן, דער מיזרעך געווען איז נאָך רויט.
די אַרבעט רופט און יאָגט, ראָבערטאָ נאָר שטייט:
— נעם זיך צו דער אַרבעט, געשלאָגן האָט די שאָ.
ס'ענטפערט ראָבערטאָ: איך גיי קיין טאַלעוויעראָ!

„מיין טאַטע אַ שפּאַניער, געאַרבעט אין אַ קוילן־מינע,
געגעבן דער וועלט וואַרעמקייט, צוריקגעקראָגן סינע, —
איז געפאַלן אין פעלד, אין קאַמף פאַר אַסטוריע —
דאָס שרייבט מיר מיין מאַמע אין אַ בלוטיקער שורע.

„נעם אין אָנדענק מיין האַמער, זאָלסט מיך ניט פאַרגעסן.
איצט וועל איך אַ ביקס צו מיין האַרצן שטאַרק פּרעסן.
אונטערן הימל פון אָוויעדאָ וועט קלינגען מיין ליד.
מיטן באַטאַליאָן פון די „לייבן" וועל היטן מאַדריד."

פאַרענדיקט האָט ראָבערטאָ מיט אַ הייסן „גוד באַי"!
איך בין געבליבן שטיל, נאָר אין האַרצן איך שריי:
— נעם מיך מיט, מיין כאַווער, צום שלאַכט פאַר מאַדריד!
נעם מיך מיט, מיין כאַווער, צום שלאַכט פאַר מאַדריד!

צעקלינגען וועט אין וועלט דיין ליד

און פֿאַלסטו, כּאַוועך, באַ מאַדריד,
מיט ביקס פֿאַרקלעמט אין האַנט —
צעקלינגען וועט אין וועלט דיין ליד.

און פֿאַלסטו, כּאַוועך, באַ מאַדריד,
וועסט אויפשטיין אין מיליאַנען טריט
פון יעדן פֿאָלק און לאַנד.

און פֿאַלסטו, כּאַוועך, באַ מאַדריד,
מיט ביקס פֿאַרקלעמט אין האַנט.

באַם יאַם

פריינט, קום, מיר'ן אַרויסגיין צום יאַם,
זיצן, און קוקן און שווייגן —
שטיל — פאַרגעסן פון לעבן,
שליסן די אויגן און שטייגן.

וואָס טייגן די רייד

אויסגעשוויגן דעם שטאַרקסטן געשריי,
וואָס טייגן די רייד?
די שטאַרקייט פון דעמב ליגט אין זיין שטאַם,
די בלעטער נאָר קלייד.

פאַרשפּאַרט אין ברוסט דעם שטורמישן יאַם,
פאַרהאַלטן דעם שטראָם.
געדאַנקען, ווי וואַסערן, גרונטעוועז טיף,
דערגרייכן דעם טהאָם.

עס שרייט יעדעס קינד, ס'רעדט און רעדט יעדער נאַר.
עס שווייגט אָבער גאָט!
אַף שטורמישע זעגלען שטומט מיין געשריי,
הויך ביז די בערג אַראַראַט.

באָם יאַם

I

איך האָב געכּטן דעם ברעג פֿון יאַם געזען צעשטורעמט.
ניט ווי אַלע טאָג, ווען דער ברעג איז פֿרום און שטיל.
כוואַליעס רווישיקע, האָבן איינע אין די צווייטע זיך געפֿורעמט,
„ער־זי־עדיק" געוואָרפֿן זיך אין פֿאָזעס פֿרעך און פֿיל.

ברויזנדיק האָבן כוואַליעס איינע אויף די צווייטע זיך געגאָסן.
סוידעס זיסע, יאַמיק פֿליסיקע, געשושקעט אין געהיים,
זיך געראַנגלט, און אַרומגענומען, און צוזאַמען זיך געשלאָסן.
און אָפּגעגאָסן איינע האָט דער צווייטער מיט אַ ווייסן שוים.

האַרבסטיקע ווינטן האָבן ריטמיש און צום טאַקט פֿאַר די כוואַליעס צוגעזונגען.
גראָע קנוילן וואָלקנס, זיך איינע אויף די אַנדערע גערוקט.
ווילדע וואַסער־פֿייגל זיינען פֿאַטשנדיק און שרייענדיק געשפּרונגען —
און איך —
מיט בענקשאַפֿט און מיט ציטער — וואונדערלעך פֿאַרגאַפֿט,
זיך פֿרום צום יאַם געבוקט.

II

און געשטאַנען בין איך היינט אַפן זעלביקן אָרט,
געקוקט אויף אַלע זייטן און ניט געגלויבט די אויגן מיינע.
איז דאָך דאָס דער יאַם — דער זעלביקער יאַם פאַרט —
טאַ וואָר־זשע איז אַהינגעקומען דאָס לעבן זיינע?

ווייס און שטיל. ער ליגט אויסגעצויגן ווי אַ מעס.
קיין ריר, קיין קער. ליגט איינגעבונדן אין זיינע ברעגן,
גלאַט און גליטשיק, ווי אַן אָפּגעקילטער פּרעס.
איז דאָס דער זעלביקער יאַם? האָב איך זיך געטאָן פרעגן.

יע, ס'איז דער יאַם — דער זעלביקער פון נעכטן.
אויסגעמאַטערט פון דעם קאַמף, איז ער געבליבן ליגן,
פאַרכאַלעשט פון די נעכטיקע ער־זי־איקע געפעכטן.
אָפּגעצערט פון ווייסן שוים וואָס ער האָט ארויסגעשפּיגן.

דער שטורעם איז אוועק און לאָזט אים רואיק אין זיין כאַלעם.
די זון פון אויבן שיסט אַרונטער אירע שטראַלן אים צו וואַרעמען.
די בייזע וואָלקנס האָבן מיט אים געשלאָסן שאָלעם.
און איך, איך פרעג:
אַף מיר, ווער וועט זיך דערבאַרעמען?

האַרבסט

האַרבסט — ביין-האַשמאָשעס צווישן זומער און ווינטער.
אַף גאָלדענע בלעטער די מאָרגן-זון העל ;
האַרבסט — פאַלנדיקע שאָטנס אַף אַ וועלט וואָס גייט אונטער —
זינגענדיקע מאָרגנס שוין וואַרטן אַפּן שוועל.

ביין־האַשמאַשעס

אין ווינטיקע פאַרנאַכטן געוואַרט האָב איך אַף רו.
אַ האָז צעשראָקן,
האָט אַף פּאַרפּלאָנטערטע וועגן זיך געיאָגט און געשפּרונגען —
צו אַ זיכערן טויט.
פּאַרקישעפטע גראָע קוסטעס האָבן פאַרפאַרבט די שטראַלן —
צעליינט שוואַרצע שאָטנס.
פּאָנים פון באַרג אין רויטקייט געברענט,
זיין קערפּער אַרום אין ווייסקייט געוויקלט.
וואָלקן־געפּעכט,
צעטרייסלט מיין רו.
שוואַרצע כאַיע פון גאָרע געקראָכן.
עלעקטרישע שפּיזן פון הייך און פון העכער,
אין שוואַרצקייט געשטאָכן.
נאַכט.

האַרבסט

דערברייטער פּאַנים פון „גרין״ *) איז באַשפּריצט מיט שפּרינקעלעך— געלינקע און רויטינקע.
דער ווינט דרייט אַרום פּלאַטערלעך אין לופטן.
די זון גלעט מיט שטראַלן ווי זייד.
די קלויסטערס שאַטענען זיך אויפן פאַרכיישעכטן גראַז.
אַ יונג מיידל שוועבט דורך אין אַ העל־לייכט קליידל —
וואַרעם.
אַ פרוי גייט איינגעטוליעט אין אַ מאַנטל —
קאַלט.
סטודענטן גייען בערוויגעזע מיט ביכער אונטער די אָרעמס.
אַ מאַכנע פייגעלעך פליען דורך און פאַרשווינדן אין דאַרעם.
אַ היימלאָזער הונט לויפט צעשראָקן.
דיביימער האָבן דערפילט די קומענדיקע שרעק און האָבן געביטן די קאָלירן,
די שוואַכערע זיינען געל געוואָרן;
די שטאַרקערע האָבן זיך פאַרשעמט און זיינען רויט געוואָרן
און אַלע טרייסלען פון זיך דעם זומער אַראָפּ.
מענטשן זיצן אַף בענק פאַרכמורעטע:
וואָס וועט זיין?
אַן עלטערע מיידל זיצט, רויכערט אַ סיגאַרעט און קלערט אין אָפענעם בוך אריין:
— שוין נאָך אַ זומער אַוועק!

---

*) גרין — אַ פּאַרק אין צענטער פון ניו-העיווען.

איין ארבעטער זאָגט צו אַ צווייטן:

איך האָב דריי כאַדאָשים געאַרבעט אַפן נייעם טעלעפאָן־ביניען,

געווען אַ גוטער זומער.

אַ מאַן פרעגט אַ צווייטן:

— האָסטו שוין קוילן?

האַרבסט!

קומט די נאַכט אָן

קומט די נאַכט אָן — פייל פון בייגן,
מיט פאַרמאַכטע בלינדע אויגן,
מיט רויט־טונקעלע קאָרעלן
און זעצט זיך אויף מיינע שוועלן.
איך עפן אויף ברייט מיינע טירן,
דעם ליבן גאַסט אַריינצופירן;
טוליע זיך אַריין אין נאַכט,
מיד פון טאָגעדיקער שלאַכט —
לייגט מיך נאַכט אַריין אין בעט,
מיין הייסן שטערן, זי טוט אַ גלעט,
נעם איך זיך מיט נאַכט אַרום,
ליבן מיר זיך הייס און שטום.
זי דערציילט מיר סודעס אָן אַ סאָף,
קיין צוטריט האָט צו מיר דער שלאָף.
בינד איך זיך אין נאַכט אַריין,
ביז די זון עס שלינגט זי איין.

איינזאַמע נעכט, איר מיינע נעכט!

איינזאַמע נעכט, איר מיינע נעכט —
איך זינג צו אייך מיין שענסטע ליד,
איר גאַנצט מיר אוים וואָס טאָג צעבראָכט.

איינזאַמע נעכט, איר מיינע נעכט:
איך פאַל א מידער — פון טאָג אנטוישט,
דער טרוים ווי שטאַרקע ווײַן באַרוישט.

איינזאַמע נעכט, איר מיינע נעכט —
צו אייך געהערט מיין שענסטע ליד!

פון שטערן ביז שטערן

פון שטערן ביז שטערן

איך יאָג צו דער ארבעט פון שטערן ביז שטערן.
דער ביניען, ער כאַפּט מיך אריין אין זיין וועב.
דער קלאַנג פון דעם האַמער, ווי קייט לאָזט זיך הערן.
ס'רוישט דער בוים פון דעם וואַלד אין די ציין פון מיין זעג.

איך יאָג צו דער ארבעט פון שטערן ביז שטערן.
מיט טאָג איך גיי אויף און מיט טאָג איך פאַרגיי.
מיינע טעג: פון קייט־רינגען, אַלץ ווייניקער ווערן.
מיינע שאָען, ווי קערנער, אין שטעט איך פאַרזיי.

ארבעט איך פלייסיק, פון שטערן ביז שטערן.
פון באַלקן אַף באַלקן, איך לויף אַף געיעג.
מיין ליד, צעטראָגט זיך אין ליידיקע ספערן.
דער הובל פרעסט אויף, מיינע ליכטיקע טעג.

איך בין אַ שמיד

איך בין אַ שמיד, פֿאַר אַרבעט שטענדיק גרייט.
מיין ליד, איז האַמער אָן היימן אייזן.
געקנאָטן איז אין שווייס מיין שוואַרץ ברויט.
מיין לעבן, דורך פֿלאַם און רויך און אייזן.

איך בין אַ שמיד, קנעט דעם אייזן — שטאָל איך בויג.
בלאָז רויטע פֿונקען מיטן ווינט פֿון זאַק.
צום טאַקט קלאַפּט מיין האַרץ און ס׳בליצט מיין אויג,
גלי איך אָן דעם אייזן, פֿורעם אויס אַ האַק.

איך בין אַ שמיד, איך שמיד אויס האַק און שווערד.
צעבלאָז איך פֿונקען אַף דער גאַנצער ערד.

דער האַר פון זעג און פון דעם האַמער

איך בין דער האַר פון זעג און פון דעם האַמער.
איך שנייד, איך הובל, איך אַרבעט מיטן דלאָט.
אין פרעסט פון ווינטער, אין היץ פון זומער,
בוי איך הייזער — שטאָט נאָך שטאָט.

און אַז עס ווערן פאַרטיק שטעט אַ סאַך,
נעמסטו זיי אַלע און פאַרשליסט, פאַרשליסט;
איך וואַגל מיט מיין קינד אום אָן אַ דאַך,
שניי און רעגן אויף אונדז עס פאַלט און גיסט.

איך שטיי פאַר דיר גרייט

איך שטיי פאַר דיר גרייט — שימשן האַגיבער.
מיין קויעך איז ווייסן, ניט קיין לאַנגע האָר.
קאָנסט מיך ניט, פּלישטי, וואַרפן אין גריבער,
שאַרף — מיינע אויגן; וואָרט, פייערדיק־קלאָר.

קאָנסט מיך ניט נאַרן מיט פאַלשער דלילע,
מיט בלוט איז דיין ווייַן, דיין וואָרט איז פאַרסאַמט.
קאָנסט מיך ניט ברענגען צו דיין גאָט'ס טפילע,
מאַכן מיך דאָרט פאַר דיין שפּאָטישן קלאָון.

דו האָסט פֿאַרנומען אַלע פּעטע זאַנגען

דו האָסט פֿארנומען אלע פּעטע זאנגען,
די מאָגערע פֿאר מיר זיינען געבליבן ;
מיין וואָלן שאָף פֿון מיר האָסטו געפֿאנגען,
אין שטוב ביי מיר די גריל האָט זיך פֿארסליבן.

כ׳שנייד און בינד אין סנאָפּעס פֿאר דיר קאָרן.
איך אַקער און דארף בעטן בא דיר ברויט.
זיך — דו נעמסט די אַלע זאטע יאָרן,
דער הונגער פֿאר מיין אָפּן טיר עס שטייט.

דזשאַז

דזשאַז איז שוואַרץ און ברוין.
ניט קיין יערושע פון זיין ראַסע,
נאָר פון ווינט און פון זון,
איז דזשאַז ברוין.

דזשאַז איז אַ דיריגענט.

עס קאָכט אַ מאַשין.
פרו־טו־טו, פרו, טו־טו, פרו־טו־טו!
הענט וואַרפן אין מויל פון דער מאַשין —
צעמענט, שטיינדעלעך און זאַמד.
אַ רער גיסט שטראָמען וואַסער.
דזשאַז גיט אַ דריק אין מאַשין, און אַ הייב מיט אַ האַנט.
עס שטראָמט אַרויס אַ שטיינערדיקע פליסיקייט.
שטופ־וועגעלעך פירן אַוועק די פליסיקייט.
גיסן, גיסן, און גיסן אויס:
שאָסייען,
סלופעס,
ווענט,
טורעמס און בריקן.

און דזשאָן פּילט ווי אַ קעניג:
אַ קעניג איבער וואַסער, איבער צעמענט, איבער מאַשין און הענט.
פאָרט דזשאָן דורך טונעלן,
זעט ער:
וואַסער, צעמענט און הענט.
שפּאַנט דזשאָן איבער בריקן,
זעט ער:
וואַסער, צעמענט און הענט.
די גאַנצע שטאָט איז בא דזשאָנען:
וואַסער, צעמענט און הענט.
איז דזשאָן בא זיך דערהויבן,
ווייל ער איז דער דיריגענט —
פון וואַסער און צעמענט,
פון מאַשין און הענט.

מיין האַנט

איך שלאָג זיך מיט דעם בוים פון וואַלד.

דער בוים, ער מאַטערט אויס מיין יעדן גליד.
איך לאָז ניט אָפּ.
דער בוים — ער שלאָגט מיט רויער קראַפט,
איך — מיט האַק און מיט מיין ליד.
דער בוים — שטעכט מיט שאָטן קאַלט און שטום,
איך בין יונג —
און שנייד מיט זון.

באַזיגט האָב איך, דעם בוים פון וואַלד.
זיין קרוין, אין ערד אַריינגעגראָבן.
צעשראָקן רוישט דער גאַנצער וואַלד.
די קראָ, פון דער הייך,
אַ קאַדעש שאַלט.

דער בוים, איז געווען הייך און גראָב,
האָט ער געגעבן ברעטער פיל —
שטעל איך אויף פון זיי פיר ווענט,
פאַרצי אַ דאַך,
לייג אַ דיל,
מאַך זעקס פענצטער, מיט צוויי טירן,
וועל איך ווינטער מער ניט פרירן.

עס גערווינט דער פּאָעט

העי, העי, דו פּאָעט,
שנייד גיכער דאָס ברעט.
זע, ברעטער אַ סאַך,
און גרויס איז דער דאַך.
עס יאָגט זיך דאָך פרענק,
ניט פארליר דאָס געוועט.

פון דאַך — דער פּאָעט:
דעם זונפאַרגאַנג זעט.
שוין מיר יעדעס גליד,
דאָך הארץ זינגט אַ ליד.
אין ספערן העט־ווייט,
פאַרשווינדט דאָס געוועט.

דער סטאָליער־פּאָעט,
נאָך האַלבע נאַכט, שפּעט,
בויט שלעסער אַ סאַך,
פון לופטן אַ דאַך.
עס שלאָפט שוין לאַנג פרענק,
עס געווינט דער פּאָעט.

אין פּאָלקטאָן

ניט אַלץ לעבט דאָך אייביק

ניט אַלץ לעבט דאָך אייביק, אויך ניט די ליבע —
דאָס איז דאָך טאַקע פון מיין קאַלטקייט די סיבע:
צוגעזאָגט דיך אייביק צו ליבן, האָב טאַקע געמיינט,
וואָס קאָן איך העלפן, מיין האַרץ איז געוואָרן פאַרשטיינט.

נו, ווינטש איך דיר גליק און זאָל עס געשען —
איך בין דאָך דיר אַ פריינט און וויל דיך גליקלעך זען;
געפין זיך אַ צווייטן געליבטן און פריינט,
לעב מיטן מאָרגן, פאַרגעס זיך אָן היינט.

וועסט ווען פאַרבייגיין מיין צוגעמאַכט טיר,
האָב ניט קיין מוירע און קלאַפ אָן אין איר.
איך וועל זיין צופרידן אַמאָל דיך צו זען,
איך וועל ניט פאַרגעסן וואָס דו ביסט מיר געווען.

מען קאָן ניט דרייען די רעדער צוריק

איך ווייס, מען קאָן ניט דרייען די רעדער צוריק,—
מען קאָן ניט אָפּנויגן דעם ווינט פון זיין וועג;
מען קאָן ניט אָפּשטעלן די זון פון איר גאנג;
מען קאָן אויך ניט רויבן דעם גלאָק פון זיין קלאנג.

מען קאָן ניט אויסלעשן די שטערנדלעך פון הימל;
מען קאָן ניט אויסציילן די זעמדעלעך פון יאם;
מען קאָן ניט באַזיגן די שטאַרקייט פון ברויט;
מען ווייס ניט, פאַרוואָס ליבע איז שטאַרקער פאַר טויט.

מיידל, קום, מיר'ן בלימעלעך קלייבן

מיידל, קום, מיר'ן בלימעלעך קלייבן —
אפן גרינעם פעלד;
איך — דאָס פערדל, וועסט מיך טרייבן,
דו וועסט זיין אַ העלד.

אַ בלומען־קרענצל וועסטו פלעכטן —
פאַר מיין בלאָנדן קאָפּ,
דאָ באַם וועגעלע דעם רעכטן,
קום מיט מיר אַראָפּ.

גראָזן ווילדע, העכער ס'קליידל,
לויף מיט מיר גאַלאָפּ:
ביסטאָך אַ פאַרשייט מיידל,
האָסטאָך ניט קיין צאָפּ.

לויף אין וועלדל זיך אָפּרוען —
ביסטאָך ניט קיין טרום.
ביי אונדז ביידן פייער־אויגן —
וועל נעמען בלויז אַ קוש.

— געגנוג שוין אינגל, מאַמע ט'שרייען,
ס'איז שוין אַזוי שפּעט.
— נאַריש מיידל, שטרוי דאַרפסט קייען,
גיב זשע נאָך אַ גלעט.

וואָס זשע מאַכסטו, טייערער

וואָס זשע מאַכסטו, טייערער,
ליבינקער דו מיין ?
איך קוק דאָך מיינע אויגן אויס,
נאָכן בריוול דיין.

צוויי מאָל א טאָג דער בריוו־טרעגער,
גייט פאַרביי מיר דורך, —
פעלט ער אוים מיין איינזאַם טיר,
אין הארצן טוט א שטורך.

כ'וויל דאָך זיין מיט דיר פאַרבונדן,
דורך א שטראָמעלע פון טינט ;
וועט עס דאָך פאַרהאַלטן מיר —
מיין הייסע טרער וואָס רינט.

נו, גיכער, דו שמיד

נו, גיכער, דו שמיד,
שמיד אָן מיין פערד,
אוועקרייטן וויל איך, האָ, האָ!
אָפּגעזונגען מיין ליד,
פאַראַקערט מיין ערד —
נו, וואָס האָב איך, נאָך צו טאָן — דאָ?

דאָס פערד שוין געשפּאַנט,
גרייט איז דער רייטער —
נו, זייט זשע איר אַלע געזונט!
וואו איז דאָס לאַנד,
דאָרט צי נאָך ווייטער?
וועלכע וועט היילן מיין וואונד?

אַ פֿליגעלע צו אַ שטיין

א שטיין האָט זיך געגרויסט פֿאַר אַ פֿליגעלע:
— וואָס טויג דיר דיין לעבן?
דו ביסט שוואַך און קליין, —
פֿון ווינט געטראָגן,
פֿון פֿראָסט פֿאַרצערט,
דיין זיין — נאָר אייניקע טעג.
איך! —
איך ליג שוין דאָ הונדערטער יאָרן.
מיך רירן ניט —
ניט ווינטן,
ניט שטורעמס.
מיך קאָנען ניט פֿאַרצערן —
ניט היצן, ניט קעלטן.

געפֿלויגן איז דאָס פֿליגעלע הויך איבערן שטיין,
און האָט געענטפֿערט:
— נו, הויב זיך אַ רעגע כאָטש אויף צו דער זון!
דיין זיין איז אָן לעבן —
אָן פֿרייד,
אָן קומער,
איך לעב און איך זינג
און שטאַרב מיטן זומער.

מויל און געדאַנק

א מויל —
האָט אויסגעלאַכט דעם געדאנק:
— דו דענקסט,
דו קלערסט,
ווער הערט דיך?
דו האָסט קיין קאָל:
קיין קלאנג,
קיין געזאנג.
איך שריי!
איך באַפעל!
מען הערט וואָס איך זאָג!

געדאנק האָט באַשלאָסן,
מיטן מויל קיין וויקועך ניט פירן,
איז ער פון אים אוועק.
האָט זיך מויל אָן געדאנק —
פארשלאָסן,
געבליבן אָן לאָשן!

אַ וואַלקאַן

א וואַלקאַן — גראָ
און שווער ווי אַ בער,
האָט פאַרשטעלט די זון
און געמאַכט
פון העלן טאָג —
נאַכט.

האָט דאָס דערזען דער שטורעם,
וואָס רוט אױף די שפּיצן פון די בערג, —
האָט ער זיך גענומען יאָגן צום וואַלקאַן:
שלאָגן מיט דונערן,
ברענען מיט בליצן.

האָט זיך דער וואַלקאַן דערשראָקן און זיך שטאַרק צעוויינט;
האָט זיך די זון צעלאַכט, —
איז צוריקגעקומען דער טאָג
און ס'איז אַנטלאָפן די נאַכט.

אינהאַלט

אינהאַלט

מיין אומרו

ליד דו מיין — 7
איך בין פון איינזאַמקייט געפאַנגען — 9
איך וויל ניט קיין סאַך — 11
מיין פּאָטרעט — 12
מיין אומרו — 13
הארץ און געדאַנק — 14
קאָן איך ניט דעם הימל גרייכן — 15
וואוהין ווייטער? — 16
דער אומרו פון ניו־יאָרק — 17
ניו־יאָרק, זאָג! — 18
הייב אויף דיין אויג — 19
מיין אויג האָט היינט געזען — 20
נאָר שטיקעלעך ערד — 21
מיין באַוואוּער—דער קלוגער געדאַנק — 22
איבער די וועגן לאָז איך זיך אַוועק וואַנדערן — 24
איך לאָז זיך אין וועג — 25

צו דיך

דו ביסט מיין אָנהייב — 27
איך נעם מיין געדאַנק — 23
פון העלן פרימאָרגן ביז נאַכטיקן שפּעט — 29

ברענג צו מיר דיין העלן זומער — 30
איך בין אַן דיר — 31
ווי אַן אָפּגעהאַקט בוים — 32
מיינע קאַלירן — 33
מיין שוועל איז געבליבן אומבאַטראָטן — 34
פריי ווי אַן אָדלער ארויספליען — 35
אַז דו וועסט אַמאָל — 36
גיב מיר שאָען — 37
דערמאָנונג — 38

צו איך, מיינע נאָענטסטע

ווייט בין איך פון אייך — 41
צו אַ געבורט־טאָג — 43
מיין טאָכטער כאַיקע — 44
מייערקע מיין זון — 45
איך וויים — 46
סאָנעט — 47
ברודער מיינער — 48
קום, באַהאַלט זיך אין מיין האַרצן, גאָט — 50
אויפן טויט פון אַ כאַווער — 51
ראָבערטאָ — 52
צעקלינגען וועט אין וועלט דיין ליד — 53

באַם יאַם

פריינט, קום, מירן אַרויסגיין צום יאַם — 55
וואָס טייגן די רייד — 57
באַם יאַם I — 58
באַם יאַם II — 59

האַרבסט

האַרבסט ביין־האַשמאַשעס צווישן זומער און ווינטער — — 61
ביין־האַשמאַשעס — — — — — — — — — — — — — 63
האַרבסט — — — — — — — — — — — — — — — 64
קומט די נאַכט אָן — — — — — — — — — — — — 66
איינזאַמע נעכט, איך מיינע נעכט — — — — — — — — — 67

פון שטערן ביז שטערן

פון שטערן ביז שטערן — — — — — — — — — — — — — 71
איך בין אַ שמיד — — — — — — — — — — — — — — 72
דער האָר פון זעג און פון דעם האַמער — — — — — — — — 73
איך שטיי פאַר דיר גרייט — — — — — — — — — — — — 74
דו האָסט פאַרנומען אַלע פעטע זאַנגען — — — — — — — — 75
דזשאָן — — — — — — — — — — — — — — — — — 76
מיין האַנט — — — — — — — — — — — — — — — — 78
עס געווינט דער פּאָעט — — — — — — — — — — — — 79

אין פאָלק-טאָן

ניט אַלע לעבט דאָך אייביק — — — — — — — — — — — — 83
מען קאָן ניט דרייען די רעדער צוריק — — — — — — — — 84
מיידל, קום, מירן בלימלעך קלייבן — — — — — — — — — 85
וואָס זשע מאַכסטו, טייערער? — — — — — — — — — — — 86
נו, גיכער, דו שמיד — — — — — — — — — — — — — — 87
אַ פלינגעלע צו אַ שטיין — — — — — — — — — — — — 88
מויל און געדאַנק — — — — — — — — — — — — — — 89
אַ וואָלקן — — — — — — — — — — — — — — — — — 90